**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער קעטי האקול הייבט ארויס 120 מיליאן דאלאר פאר לאקאלע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן איבער ניו יארק סטעיט

***באשטעטיגונג פון פינאנציעלע הילף אויטאריזירט לאקאלע רעגירונגען צו באקומען צוטריט צו די געלט מיטלען וואס פעהלן זיך אויס פאר פראיעקטן וועלכע רעדוצירן סכנות צו די פובליק געזונטהייט און די ענווייראמענט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגערופן אז די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען פאראיין (Environmental Facilities Corporation, EFC) באורד אָוו דירעקטארס האט באשטעטיגט איבער 120 מיליאן דאלאר אין פינאנציעלע הילף פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן איבער ניו יארק סטעיט. די באורד'ס באשטעטיגונג אויטאריזירט צוטריט פון לאקאלע רעגירונגען צו ביליגע הלוואות און צו גרענטס וואס זענען אנאנסירט געווארן אין די פארגאנגענהייט צו קענען אנהויבן די ארבעט אויף קריטישע וואסער און סוער אינפראסטרוקטור פראיעקטן, אריינרעכענענדיג רייניגונג פראצעדורן צו ארויסנעמען נייע סארטן פארפעסטיגנדע כעמיקאלן פון טרונקען וואסער.

"פארבעסערן אונזער וואסער אינפראסטרוקטור איז וועזנטליך צו קענען בויען זיכערע און געזונטע ניו יארקע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנציעלע הילף איז אלעס וואס מאכט אויס צו קענען צושטעלן זיכערע טרונקען וואסער פאר נאטורליכע קוועלער פאר ניו יארקער, צו באשיצן אונזערע נאטורליכע קוועלער און צו זיכער מאכן אז פראיעקטן זענען ערפאלגרייך און אפאָרדעבעל."

די פינאנצירונג וואס איז היינט באשטעטיגט געווארן רעכנט אריין אינוועסטירונגען פון דעם פעדעראלן 'אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ' (Bipartisan Infrastructure Law, BIL) און פון די סטעיט'ס 'וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג' (Water Infrastructure Improvement, WIIA) גרענט פראגראם. די ווילעדש פון קאקסאקי אין גרין קאונטי, דאטשעס קאונטי וואסער און אפפאל-וואסער אויטאריטעט, פרענקלין סקווער וואסער דיסטריקט אין נאססא קאונטי, און ווילעדש פון גאוואנדע אין קאטעראוגעס קאונטי וועלן באקומען פינאנצירונג סיי פון BIL און סיי פון WIIA פאר פראיעקטן וואס וועלן היטן אויף טרונקען וואסער און באדייטנד פארבעסערן וואסער קוואליטעט. BIL פינאנצירונג איז אויך באלוינט געווארן צו די טאון פון יארקשייער אין קאטאראוגאס קאונטי.

**ענווייראמענטאלע פאסיליטיס קארפאראציע פרעזידענט און CEO מאורין א. קאלמאן האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, זעצט ניו יארק פאר צו ארויסצוגעבן געלטער פון די פעדעראלע בייפארטיזאן אינפעסטורקטור געזעץ שנעלער ווי סיי וועלכע אנדערע סטעיט אינעם פאלק. די צאמשטעל פון פעדעראלע גרענטס און סטעיט גרענטס מאכט א חילוק צווישן א קאמיוניטי אין קריטישע געברויך פאר נייע וואסער אינפעסטרוקטור און אז קאמיוניטי בויאונגען און ענדיגן נייע אינפעסטרוקטור. קאמיוניטיס ווערן געשטופט זיך איינצוגעבן פאר די שפעטסטע רונדע פון סטעיט וואסער גרענטספאר די יון 14 דעדליין."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אינווייערמענטל קאנסערוואציע אינטערים קאמיסיניער סיען מאהאר האט געזאגט,** "אינוועסמענטס אין וואסער אינפעסטרוקטור זענען נויטיג פאר עקענאמישע אנטוויקלונג אין קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט און די מער ווי 120$ אויסגערופן היינט וועט געבן לאקאלע סיטיס צוטריט צו די געצייגן וואס זיי דארפן פלאנירן, באארבעטן, און איינפירן וויכטיגע פארבעסערונגען צו רייניגן די וואסער און וואסער וואס מען טרינקט אינפעסטרוקטור. גאווערנער האקול'ס אינוועסטמענט און EFC'ס אנגייענדע הילף צו העלפן קליינע און אומגינסטיגע קאמיונעטיס זיך איינגעבן צו באקומען געלטער העלפט אפהיטן פאבליק געזונטהייט, בענעפיט דעם אינווייראמענט, און פארשטערקערט לאקאלע עקענאמיעס."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט of גאווערנער האקול, נעמט ניו יארק סטעיט טריט אפצוהיטן די וואסער וואס מען טרינקט - א פונדומענטאלע באדערפעניש פון געזונטהייט. די פאנאנציעלע הילף דורך די ענווייראמענטל פאסיליטעטן פאראיין וועט ערלויבן די סיטיס צו פארבעסערן זייערע וואסער סיסטעמס וואס וועט העלפן אפהיטן זייערע קאמיוניטיס. א ספעציעלע דאנק פאר די דעפארטמענט פון געזונטהייט ביורא פון וואסער סופליי אפהיטונג וואס האבן געהאלפן אז די פראיעקטן זאלן ברענגען פירות און פאר זייער אנגייענדע ארבעט וואס האט געלאזט ניו יארק סטעיט ווייזן דעם וועג אין העלפן קאמיוניטיס פארזיכערן וואסער צום טרינקען פון א גוטע קוואליטעט פאר די קומענדיגע דורות."

**ניו יארק סטעיט סעקראטערי און סטעיט וואלטער ט. מאסלי האט געזאגט,** "ריינע וואסער אינפעסטרוקטור איז לעבנסוויכטיג פאר פאבליק געזונטהייט און ניו יארק סטעיט מאכט א היסטארישע איינשפריצונג פון געלטער גרייט צו אדרעסירן די קאמיוניטי אינפעסטרוקטור'ס באדערפענישן. דאס אז די אינווייראמענטעל פאסיליטעט פאראיין בארד און דירעקטארס האבן אנגענומען ארויסצוגעבן 120$ מיליאן וועט געבן סיטיס צוטריט צו ביליגע פינאנצירונג פאר קריטישע פראיעקטן צו בויען שטערקערע און מער שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס און פארבעסערן די לעבנס קוואליטעט פון אלע ניו יארקער."

**EPA ראיאן 2 אדמיניסטרעיטער ליסע פ. גארסיע האט געזאגט,** "די בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור געזעץ איז אן עדות צו אונזער פאראייניגטע באשלוס צו ברענגען א צוקומפט וואו אינווייראמענטעל גערעכטיגקייט איז נישט קיין חלום, נאר א מציאות. מיט די היסטארישע פינאנצירונג, שאפן מיר וויכטיגע וואסער און אפפליס אינפעסטרוקטור פראיעקטן, פארזיכערנדיג אז יעדע ניו יארקער האט צוטריט צו ריינע און אפגעהיטענע וואסער."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "ריינע וואסער איז א וועזנטליכע רעכט וואס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער און אמעריקאנער. די וואסער אינפעסטרוקטור פראעיקטן וועט פארבעסערן די קוואליטעט פון די וואסער דורכאויס די סטעיט, אדרעסירן אנקומענדע פארפעסטיגונגען אזוויי PFAS, און פארזיכערן אז ניו יארקער האבן זיכערע און פארלעסליכע צוטריט צו טרונקען וואסער. איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט דורכצופירן די בייפארטיסען אינפראסטרוקטור געזעץ וואס העלפט פינאציערן די פראיעקטן, און איך וועל ווייטער קעמפן פאר הילפסמיטלען צו פארבעסערן וואסער אינפעסטרוקטור דורכאויס דעם סטעיט."

**פארטרעטער פאט ריאן האט געזאגט,** "פאר יעדער האדסן וואלי פאמיליע קומט זיך צו טרינקען ריינע וואסער. פון העלפן אויסצוראטן PFAS פון דאטשעס קאונטי וואסער ביז פארזיכערן אז עלטערן אין גרינוואוד לעיק האבן די רואיגקייט אין מח אז די וואסער וואס קומען ארויס פון זייערע קראנען זענען ריין און פארזיכערט, וועלן די געלטער מאכן א ריזיגע חילוק פאר פאמיליעס לענגאויס האדסן וואלי. איך וועל ווייטער קעמפן צו פארזיכערן אז האדסאן וואלי פאמיליעס זאלן זיך קיינמאל נישט דארפן זארגן אז גיפט אזוויי PFAS 'אייביגע קעמיקאלן' אדער לעד פון פייפס זענען אין זייער וואסער."

**סטעיט סעניטער פעטע הארקהאם האט געזאגט,** "די אינפעסטרוקטור פינאנצירונג, אריינגערעכנט פינאנציעלע הילף צו פארבעסערן און אויפצולעבן די טרינקען וואסער פאסיליטעטן אין מאונט קיסקא, וועט ערלויבן סיטיס לענגאויס דעם סטעיט צו אינוועסטירן אין קאפיטל פארבעסערונגען און נייע טעכנאלאגיעס וואס וועט פארזיכערן די אפיציעלע וואסער באהאנלונג פארלאנגען ווערן געטון. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר'ן מאכן די וויכטיגע אינפעסטרוקטור אינוועסטמענטס ווייל צו פארבעסערן די אינפעסטרוקטור פאר עס פאלט דורך איז סיי ווערדפול און סיי אחריות'דיג."

**אסעמבלי מיטגליד דבורה גליק האט געזאגט,** "מיט נייע שטרענגע PFAS וואסער רעגולאציעס וואס ווערן געשטעלט אין פלאץ, און פארפעסטיגונגען וואס וואקסן ארויס אין טרינקען וואסער דרויענענדיג די וואסער סופלייס, קומט די $120 מיליאן אינוועסטמענטס פון סטעיט און פעדעראלע וואסער אינפעסטרוקטור אין א קריטישן צייט. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול און די ענווייראמענטאלע פאסיליטעטן פאראיין פאר'ן לייגן ריינע וואסער פאר ניו יארקער אלס פריאריטעט און איך קוק ארויס אויף מער אינוועסטמענטס ארום די סטעיט."

די באורד'ס באשטעטיגונגען רעכענען אריין פינאנצירונג פון די [ריינע וואסער סטעיט הלוואה קאסע (Clean Water State Revolving Fund, CWSRF)](#) און פון די [טרונקען וואסער סטעיט הלוואה קאסע (Drinking Water State Revolving Fund, DWSRF)](#), און אזוי אויך גרענטס וואס זענען שוין אנאנסירט געווארן אונטער דעם WIAAפראגראם. BIL געלטער פאר וואסער און סוער אינפראסטרוקטור ווערן פארטיילט דורך די EFC פון די סטעיט הלוואה קאסעס.

**ריינע וואסער פראיעקטן:**

- **ווילעדש און קאקסעקי גרין קאונטי -** $1,599,038 קורץ-טערמינענדע פריי פון ריבות פינאנצירונג און א $2,983,000 גרענט פון BIL, ווי אויך א $1,490,772 WIIA גרענט דורך די ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע ארבעט ענווייראמענטל באנד אקט פון 2022 פאר די פלאנירונג, אויסשטעלונג, און ארבעט פון ליטערע אפפליס זאמלונג און שטורעמוואסער סיסטעם פארבעסערונגען צו פארמינערן ליטערע אפפליס איבערפליסונגען בשעת שטורעם געשעענישן.
- **ווילעדש פון גאוואנדא, קאטאראגעס קאונטי -** $2,157,528 קורץ-טערמינענדע אינטערעסט-פרייע פינאנצירונג און א $2,800,500 גרענט פון BIL, ווי אויך א $1,375,000 WIIA גרענט פאר די פלאננען, אויסשטעלן, און א באארבעטונג פון אפפאלוואסער באהאנדלונג פלענט פארבעסערונגען.
- **ווילעדש פון פולאסקי, אסוועגי קאונטי** — $4,371,500 קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה און א $1,540,500 WIIA גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון מאדערניזירונגען צו די אפפאל וואסער באהאנדלונג פלענט און צאמנעמען סיסטעמס.
- **טאון און יארקשור, קאטאראוגעס קאונטי -** $1,629,500 BIL גרענט פאר די פלאנען, אויסשטעלן און ארבעט פון די יארקשור ווינקלען סוער דיסטריקט.

**טרונקען וואסער פראיעקטן:**

- **אלבערטזאן וואסער דיסטריקט, נאססא קאונטי -** $4,428,409 WIIA גרענט פאר'ן אינסטעלירונג פון אן אקטיווירטע קארבאן (GAC) באהאנדלונג סיסטעם ארויסצונעמען PFOA און PFOS.
- **דאטשעס קאונטי וואסער און אפפאלוואסער אויטאריטעט -** $8,803,545 קורץ-טערמינענדע מארקעט-ראטע פינאנצן, א $4,550,086 WIIA, און א $449,914 BIL גרענט פאר די אינסטעלירונג פון א נייע פארבינדונג צווישן די גרינפעלד וואסער דיסטריקט און די הייד פארק סיסטעם צו סערווירן אלץ אן אנדערע ברירה פון א וואסער מקור צוליב די אנוועזנהייט פון

PFOA, PFOS, און אנדערע פארפעסטיגונגען אין די עקזיסטירנדע פיר קוועלער אין די גרינפעלד וואסער דיסטריקט.

- **פרענקלין קארלעי פלעיס וואסער דיסטריקט, נעסאו קאונטי** — $3,000,000 WIIA גרענט און א $605,000 BIL גרענט צו אינסטולירן א 'גרעניוּלער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעם אין פלענט נומער 1 און קוואל נומערן 1 און 2 ארויסצונעמען PFOS.
- **ווילעדזש אָוו גאַרדען סיטי, נעסאו קאונטי** – $5,100,000 WIIA גרענט צו אינסטאלירן נייע עקוויפּמענט ביי די ווילעדזש'ס גאלף קלאב פלענט פאר די באהאנדלונג פון פארפעסיגונגען וואס קומען ארויס געטראפן אין קוואל נומערן 13 און 14.
- **ווילעדש פון גרינוואוד לעיק, אראנדש קאונטי** – $2,000,000 קורץ-טערמיניגע מארקעט-ראטע פינאנצירונג און א $3,000,000 WIIA גרענט פאר די איבערבויאונג פון עקזיסטירנדע קוועלער, אנטוויקלען א נייע קוואל מקור, און איבערארבעטן עקזיסטירנדע וואסער באהאנדלונג פלענט.
- **ווילעדש אוו אליאן, הערקימער קאונטי -** $3,000,000 WIIA גרענט פאר פאזע צוויי פון פריאריטעט ארויסגעבונג פארבעסערונגען, אריינגערעכנט ארויפארבעטן און ערזעצן וואסערמעינס, וואלווס, הײדרענטס, און אפערטענענסעס. די בארד האט אויך דורכגעפירט $4,564,527 קורץ-טערמינענדע אינטערעסט-פרייע פינאנצירונגען און $9,129,054 קורץ-טערמינענדע מארקעט-ראטע פינאנצירונג פאר פאזע דריי פון די פראיעקט.
- **ווילעדש אוו מאונט קיסקא, וועסטשעסטער קאונטי -** $3,000,000 WIIA גרענט פאר פארבעסערונגען פון די וואסער באהאנדלונג פלענט, ערזעצונג פון וואסער מעין, און איבערארבעטן און פארבעסערונגען צו די פיר קוועלער.
- **טאון פון ארוועל, אסוועגא קאונטי -** $88,640 קורץ-טערמינענדע אינטערעסט-פרייע פינאנצירונג, א $1,763,400 WIIA גרענט, און א $355,850 DWSRF גרענט פאר די אינסטולירונג פון בערך צוויי מייל פון נייע טרענסמישן מעינס און א נייע פאמפ סטאנציע אויף קאונטי רוט 2 צו באהעפטן די שאלער קוואל פעלד און די טאון אוו ריטשלענד צו די עקזיסטירנדע טאון אוו ארוועל וואסער סיסטעם.
- **סיטי פון יאנקערס אין וועסטשעסטער קאונטי -** $3,000,000 WIIA גרענט פאר די אינסטולירונג פון בערך 2,600 ליניער פיס פון וואסער מעין אויף נעפערהען אוויניו.

**ריפיינענסען פארענדיגטע פראיעקטן וועט עררייכן לאנג-טערמיניגע איינשפארונגען אין הלוואה סערוויס באצאלונגען**

די באורד האט אויך אונטערגענומען שריט צו העלפן פארזיכערן אנגייענדע לאנג-טערמיניגע אפארדעביליטי פון עקזיסטירנדע פראיעקטן. די בארד האט מאשר געווען לאנג-טערמינענדע, אינטערעסט-פרייע פינאנצירונגען וואס קומען צו צו $43 מיליאן פאר פראיעקטן וואס זענען אין די ווילעדש פון איליאן אין הערקימער קאונטי, ווילעדש אוו ליבערטי אין סאליוואן קאונטי, ווילעדש אוו לימע אין ליווינגסטאן קאונטי, טאון אוו מאראה אין סאראטאגא קאונטי, סיטי אוו ניובערג אין אראנדש קאונטי, טאון אוו ריווערהעד אין סאפאלק קאונטי, און ווילעדש אוו סילווער קריק אין שאטאקווא קאונטי.

קורץ-טערמיניגע הלוואות שטעלן צו די געלטער פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון פראיעקטן. איינמאל פראיעקט קאנסטרוקציע איז פארטיג ווערט די קורץ-טערמיניגע הלוואה געווענטליך ריפייננענסט צו ווערן א לאנג-טערמיניגע הלוואה פאר ביז אזויפיל ווי 30 יאר, איינשפארנדיג לאקאלע רעגירונגען באדייטנדע אינטערעסט אויסגאבן וואס זיי וואלטן געהאט אויב זיי וואלטן אליין געדארפט ארויסנעמען די הלוואות. באזירט אויף די יעצטיגע מארקעט אומשטענדן, זענען די לאנג-טערמינענדע פינאנצירונגען אויסגעארבעט אפהאלטן לאקאלע ראטע-צאלער פון צאלן אומגעפער $53 מיליאן אין אינטערעסט צאלונגען דורכאויס די לעבן פון די פינאנצירונג.

**באנד סעיל מאקסימאזירט די נאכפאלגן פון די סטעיט ארומגייענדע געלטער און האלט געענדיגטע פראיעקטן ביליג**

די באַרד האט געלאזט געבן א רעקאמענדירטע $254.5 מיליאן באנד סעיל צו צוריקגעבן געוויסע פריערדיגע סעריעס פון באנדס. די ערווארטעטע הלוואה סערוויס סעיווינגס וועט ווערן געפירט צו 40 נעמערס אראפצונידערן זייער הלוואה סערוויס קאסטן אויף פריערדיגע באנד פינאנצירטע פראיעקטן. צוריקגעבן שטעלט פאר EFC'ס פאראויסארבעטנדע פינאנציעלע פירונג און באניפעטירט די נעמערס אזיווי מארקעט אומשטענדן ערלויבן. די טראנסאקשן איז ערווארטעט זיך צו פארמאכן אין סעפטעמבער.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק סטעיט האלט ווייטער אן צו פארמערן אירע פאלק-געפירטע אינוועסטמענטס אין וואסער אינפעסטרוקטער, אריינגערעכנט [$325 מיליאן אין WIIA גרענט געלעגנהייט](#) געווארן גרייט אין יאנואר. EFC נעמט אן WIIA גרענט אפליקאציעס ביז יוני 14. נאך גרענט געלטער ווערט יעצט צוגעשטעלט דורך DEC'ס [וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקט פראגראם](#) און EFC'ס נייע [גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענט פראגראם](#). מיט $500 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר 2024-2025 אנאנסירט דורך גאווערנער האקול, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור צווישן 2017 און היי יאר. גאווערנער האקול'ס סטעיט פון די סטעיט באנייאונג העלפן פארזיכערן אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט לאקאלע גאווערמענטס צו פארזיכערן א קאמיוניטיס קענען איינפירן די אינוועסטמענטס. די גאווערנער האט פארמערט WIIA גרענטס פאר אפפאלוואסער פראיעקטן פון 25 ביז 20 פערצענט פון נעט בארעכטיגטע פראיעקטן קאסטן צו העלפן שטיצן קלענערע קאמיוניטיס. די גאווערנער האט אויך פארשפרייט EFC'ס קאמיוניטי הילף טימס צו העלפן קליינע, רורעל, און אומגינסטיגע קאמיוניטיס איינפירן די פינאנצירונג און אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור באדערפעניש איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף [https://efc.ny.gov/CAT](https://efc.ny.gov/CAT).

די געלטער איז אין צוגאב צו אנדערע עקזיסטירנדע וואסער קוואליטעט אינוועסטמענטס. דער ווייל‏ער-באשטעטיגטער 4.2 ביליאן דאלארדיגער ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; אויפרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע רונדע פון באנד אקט פאנדינג איז געווארן באלוינט דורך די WIIA/IMG פראגראמען אין דעצעמבער, ווען גאווערנער האקול האט אויסגערופן $479 מיליאן אין גרענטס פאר 156 פראיעקטן לענגאויס ניו יארק סטעיט. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען צום ווייניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באַנד געזעץ געלטער, מיט א ציהל פון 40 פראצענט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)